# א האלבער אמת, איז אנדערהאלבן מאל שקר!

רוב וויליאמסבורג אידן, זענען דאך געוואינט נישט מטלטל זיין, אויסר אין די פריוואטע סטריט עירובין'עלך, כאטש זיי זענען געאסר'ט פון די קאשויער און מאנטעווידעא רבנים שליט"א. אבער ווען זיי קומען אויף א שמחה קיין בארא פארק אויף שבת, גלייבן זיי אליין נישט וואס זיי זעהן מיט די אויגן. וואס גייט דא פאר? עולם הפוך ראיתי, אינגאנצן 18 מינוט אוועק, אין דווקא די שענסטע חסידישע יונגעלייט פון אלע קרייזן באנוצן זיך מיטן עירוב, וויא אויך חשוב'ע אשכנזי'שע אידן פון פארשידענע קהילות. און דווקא די וואס זענען דאס מערסטע צניעות'דיג אנגעטוען שפאצירן מיט די קערידזשעס. מערקווירדיג אז חוץ די ליטווישע, זענען אויך נישט מטלטל די מאדערנערע מזרחי שול-אידן, די איבערגעבליבענע שיריים פונעם אמאליגן אמעריקאנעם אידענטום אין דעם בארא פארקער "שיעור חימוץ", זיי זענען גאר די "מחמירים".

אלץ וואויל אין פיין, אבער דאך דארף מען פארשטיין, וויא קען אזוינס פאסירן נאך וואס א גאנץ יאהר זענען די חרדישע צייטונגען באמבאדירט געווען מיט פילע מודעות ואזהרות, וויא אויך פארשידענע ארטיקלן, סיי קעגן דעם עירוב און סיי קעגן דעם טלטול, וויא איז מעגליך אז זיי זאלן האבן געהאט אזא מינימאלע השפעה אויף די סלתה ושמנה, אויף די עידית שבעידית, פון דער בארא פארקער אידנטום?

דער תירוץ דערויף איז, אז סאיז אגרויסער חילוק צווישן א יחיד און א רבים. וויל א חרדישער רבים, וואס איז א גדר פון "כלל" ישראל, פארמאגט אין זיך א כח פון "דיטעקטן" א באהאלטענעם שקר נגד התורה הקדושה, אשר לא תהא מוחלפת, אפילו ווען עס איז גוט גע"פעקעדזשט" מיט א לכאורה'דיגן אמת, כי "נצח ישראל לא ישקר"!

מיר האבן נאך נישט פארגעסן מיט וואס פאר א שקרים די מערכה קעגן דעם בארא פארקער עירוב האבן זיך אנגעהויבן פאריאהרן אנפאנג ווינטער. דעם "פה אחד" מיט די מכלומר'שטע "החלטות", דער אופן פון די געכאפטע חתימות זאמלונגען, ועוד ועוד. און דערנאך אלע מיני זיופים וסילופים בדברי ובדעת רבותינו הקודמים.

די אלע היסטארישע פעלשונגען פון ישראל מ. סופר כדי תולה צו זיין זיינע בוקי וסריקי באילן גדול, האבן נישט משנה זיין די מציאות, וויל צווישן דעם ציבור לעבן ב"ה לעבעדיגע עדות לסתור, וויא למשל די געוואלדיגע השתוקקות פון אלע היימישע גדולי רבנים פאר אן עירוב אין וויליאמסבורג וביניהם כ"ק הגה"צ מפאפא זצ"ל עד אחרית ימיו ממש. זיי און ער האט א וודאי געוויסט - עכ"פ נישט וויניגער פון י.מ.ס - דעם אמת'ן "דעת קדשו" פון מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע. אדער למשל די עדות פון הרה"ג מוה"ר אברהם גאטעסמאן שליט"א פון מאונט קיסקא, ראש הכולל דנייטרא אין וומס"ב, וואס אלץ חברותא פון הגה"צ מוהרחמ"ד ווייסמאנדל זצ"ל איז ער מיט געווען מיט איהם ביי מרן מסאטמאר זי"ע. ר' אברהם גאטעסמאן טוט קאטעגאריש אפלייקענען די מעשה'לע. אזא פנים האבן אלע י.מ.ס. מעשיות'לעך וואס זענען לכתחילה צוזאמגעשטעלט געווארן פאר "די צייטונג" מיט א פינסטערע "אדזשענדע".

כידוע איז א "האלבער אמת" אסאך ערגער פון א גאנצער שקר. אט דאס קענען מיר זיך די וואך נאכאמאל איבערצייגן, פון זייער פרישע פראפאגאנדע בשם הגה"צ גאב"ד קאשוי שליט"א. וויא יעדער האט באמערקט, האבן זיי ציטירט נאר "אויסצוגן פון זיינע רייד", יעדער וואונדערט זיך פארוואס האבן זיי נישט געדרוקט דעם גאנצן שמועס?

(פארזעצונג אין די צווייטע זייט)

(פארזעצונג פון די ערשטע זייט)

מיר האבן זיי זאופאראט געשטעלט אויף זייער חזקה, אז אויך דא מוז זיין עפיס א באהאלטענעם שקר. לאחר חקירה ודרישה האבן מיר גערעדט מיט צוויי פון די פיר רבנים וואס דער קאשויער רב שליט"א האט מיט זיי גערעדט דעם דאזיגן שמועס. נאך וויא זיי האבן גענזעהן דעם צייטונג, האבן ביידע רבנים געענפערט מיט דעם זעלבן סגנון. "סאיז דאך פארהאן א טעיפ דערפון ביי... זייטס מוחל און הערטס אויס דעם גאנצן טעיפ, וועט אייך שוין אלעס פארענפערט ווערן".

זענען מיר אוודאי נישט פויל געווען, און ס'איז ב"ה אלעס קלאר געווארן. פאר די כת השקרנים האט זיך טאקע בשום אופן נישט געלוינט מפרסם צו זיין דעם "גאנצן" שמועס, נאר צענזורירטע ציטאטישע אויסצוגן בלבד.

אויך זענען מיר געוואויר געווארן, אז די שקרנים זאלן האבן געווען ביים קאשויער רב שליט"א בעפאר דעם דאזיגער שמועס. זיי האבן גאנץ גוט אויסגענוצט זיין בעקאנט מיינונג איבער די בארא פארקער אידענטום, האב זיי פארגעשטעלט לאותו זקן וצדיק א שווארצן בילד וואס וועט חלילה געשעהן מיטן שבת אין "בארא פארק" מיט אן עירוב.

"כבוד אלקים הסתר דבר", וועלן מיר ציטירן נאר איין פרט פונעם טעיפ, וד"ל.

אויף די טענה פון די צוויי רבנים, פארוואס זעט מען נישט קיין שום אפשוועכונג פון קדושת השבת אין מאנסי למשל? איז די' ענטפער געווען בזה"ל, "אין מאנסי איז נישטא קיין עירוב". אויף די פראגע פארוואס זעט מען נישט אין "קרית יואל" קיין אפשוועכונג פון קדושת השבת? איז די ענטפער געווען בזה"ל "אין קרית יואל איז קיין עירוב אויך נישטא"...

מיר מיינען אז מיט די השמטה אליין האבן מיר שוין יוצא געווען, כי אין להאריך במקום שראוי לקצר, והשי"ת יחדש כנשר נעוריו ויאריך ימיו ושנותיו בנעימים לראות בישועת ישראל ונחמתן בקבלת פני משיחינו בב"א.

אזוי וויא מיר האנדלען דא מיט בני עוולה וואס נוצן אויס דעם שוואכקייט פון אונזערע חשובסטע זקני הדור. זענען מיר מחוייב מגלה צו זיין זייער פרצוף האמיתי, כדי זיי זאלן חלילה נישט האבן קיין השפעה צו פארסאמען אונזערע קינדער מיט טריף-פסול'ע השקפות קעגן חכז"ל, וויא למשל אז "אן עירוב פארשוועכט דעם קדושת השבת". אט די דברי מינות ואפיקורסות פון ראביי סאול ביק, זענען כידוע נתפרסם געווארן לעיני כל העמים אין "ניו יארק טיימס".

די נאציס ימ"ש בשעת זיי האבן איינגענומען אידישע שטעט און שטעטלעך, די ערשטע זאך וואס כידוע פלעגן זיי טוען, איז צו ברעכן די עירובין... עס זעהט אויס, אז דעם דאזיגן ניו יארק טיימס האבן זיי נאך נישט געהאט געליינט.

דער סאול ביק, זאגט דאך נישט קיין אייגענע סברות, דאס איז דאך א משפחה קאמף. דערויף איז דא נאר איין באמערקונגען. ממה נפשך, אויב בארא פארק איז טאקע א "רשות הרבים דאורייתא", טו וואוזשע דארפן זיי נאך צו-לייגן סברות דערצו? ווידער אויב בארא פארק איז א "כרמלית", וויא רוב בעלי הוראה האלטן, אט אויף כרמלית גופא האבן דאך טאקע חז"ל מתקן געווען עירובין! איצטער, אז אן עירוב טוט פארשוועכן דעם קדושת השבת, אויב אזוי, נישט נאר וואס חז"ל האבן גארנישט אויפגעטוען, נאר חלילה מקלקל געווען קדושת השבת ר"ל... מיט אזוינע "מין סברות" האבן די צדוקים געפירט זייער קאמף קעגן חכמינו ז"ל, וואס צוליב דעם אליין איז גאר אן ענין מהדר זיין צו טראגן אין עירוב כדי לאפוקי מן הצדוקים, פונקט וויא מיר עסין "חמין" בשבת, מהאי טעמא.